אלע טרינקען דעם בעסטען
# טעה
ŚWIAT HAWAJU
HERBATA KRÓLEWSKA

בעקאנטמאכונג! צום פריהלינגס־ און זומער־סעזאן האט דאס בעוואוסטע שיך־געשעפט
A. Ogórek Łódź, Zawadzka 11 tel. 202-86.
צוגעגרייט א קאלאסאלען אויסוואהל שפאציר און ספארט־שיך לויט די לעצטע מאדעלען
צוגענגליכע פרייזען א ספעציעלע אפטיילונג פון מענער־שיך.

שולחים אנו בזה את ברכתינו העמוקה וברכת מזל־טוב לידידנו חנוך העניך גאלדשטיין נ״י לאירושיו של בתו היקרה מרת הינדה תחי׳ עם מר אהרן בן ר׳ יוסף הכהן נ״י כ״ץ מלודמיר. יהי רצון שתזכו לראות מהם רוב טוב ונחת על הרי יהודה וירושלים
המברכים מעומק לבנו
צבי זאב ובנו ליבל בעדקאן

דאס לאנג־בעקאנטע
ווײַן־געשעפט פון
## ע. שיקיער
(אינהאבער ישראל שיקיער)
פריהער פולנאצנא 1
איצט שרודמיעסקא 3, טעל. 107-84
עמפפעהלט די בעסטע
ווײַנען, קאניאקען און ליקערען ::
עקזיסטירט זייט 1865 יאהר



OKULARY
BINOKLE
LORGNON
istn. od r. 1894 MĄGAZYN OPTYCZNY
SZYMON URBACH
Sp. z o. o.
Łódź, Piotrkowska 33. Tel. 222-23.
אפטיק אורבאך, פיעטריקאווער 33

אכטונג!
געזונטהייטליך צו פערקויפען
2 שקיצען לאפקעס
בעסטע קוואליטעט, ביי דער פירמע
מ. ה. פאסטאר, שוו. יאקובא 12

אכטונג, לאדז און פראווינץ
די לאנג־עקזיסטירענדע פירמע פון
יודישע לאנגע מלבושים
מ. לאבערשטיין מאכט בעקאנט די געעהרטע קונדשאפט, דאס מען געשעפט איז פערזעהען מיט׳ן גרעסטען אויסוואהל פון לאנגע מלבושים ווי אויך א ספעציעלע אפטיילונג פון די בעסטע קוואליטעטען סחורות אויף בעשטעלונגען, וואס ווערען אויסגעפערטיגט אין דער קורצסטער צייט לויט׳ן פאשאן. געדענקט דעם אדרעס!
משה לאבערשטיין
אנדראווא 1, אין הויף, 1. שט: לינקס

ווינכטיג פאר פענסיאנאט־אינהאבער!
ס׳ווערט געזוכט
א אונטערנעמער
ספעציאליסט מיט ווינציג געלד. אין א פראכטפולען וואלד נעבען קאלומנא. געזיכערטע קונדשאפט! ערקונדיגען זיך ביי
פאקטאר, שוו. יאקובא 12

א פערטרעטונג,
א קאנסיגנאציאנס־לאגער וויל איך איבערנעהמען אויף לעמבערג. בעדייטענדע קויציע אין מזומן. מיט פראפאזיציעס זיך צו ווענדען:
A. Lowicz, Lwów, Sapiehy 71.

צו דער פערלאבונג פון אונזערע פריינד
ה׳ אברהם קלינגער
מיט פרל. חנה ווישענגראד
ווינשט א הערציגען מזל־טוב און א גליקליכע צוקונפט
פראניא און יוסף בערקאן
שלמה משה בערלינער

אונזערע פריינט
פיניע איינהארן און פרוי
צו דער בר־מצוה פון זייער זוהן
שמואל ישעי׳
ווינשען מיר, איהר זאלט דערלעבען פון איהם פיל נחת.
יאסעל ראטענבערג און פאמיליע
משה ווארשאווסקי און פרוי

קמח של פסח
תחת השגחת הראבינאט דפה לודז.
בעקאנטמאכונג פאר לאדז און פראווינץ!
די איינציגע מיהל
„עלעקטראמלין“
איז געכשרט אונטער דער השגחה פון היגען ראבינאט, ס׳איז איבריג צופיל צו רעקלאמירען, בעווייל אין דעם זענען אונזערע ג׳ קונדען איבערצייגט, אז דאס בעסטע און שענסטע זעמעל מעהל אויף מצות בעקומט מען נאר ביי אונזער פירמע „עלעקטראמלין“ לאדז, זאקאנטנא 47, טעל. 147-40, וועלכע איז פעראנטווארטליך פאר די רייניקייט און פינקטליכע ליפערונג לויט יעדענס פערלאנג. בעשטעלונגען ווערען שוין אנגענומען פערזענליך אדער דורך טעל. 147-40.
מיט אכטונג
Firma „Elektromłyn“ Łódź
Zakątna 47, tel. 147-40.

געדענקט, ביי
שטשעשליווי
א גרויסער אויסוואהל פון אריגינעלע בילליצער און טאמאשאווער סחורות אויף אנציגער און פאלטענס פון די בעסטע קוואליטעטען אויך פערשידענע רעשטען
קומט און איבערצייגט אייך
R. Szczęśliwy
לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5
טעל. 156-09.
געדענקט פראנט II שטאק.

אייער פערזענליכער אינטערעס
נאר צו קויפען די ווייבען
מיט דער מארקע
„בארוין“
נאוואמיעסקא 30,
טעל. 210-58.
וועלכע גאראנטירט אייך געזונט און צופרידענהייט פאר ביליג געלט.

אכטונג אכטונג
יודישע בעפעלקערונג
אויף די מעהרערע אנפראגען, פארוואס מען גיט ניט ארויס הכשרים אויפן חודש אדר און וואס איבערהויפט וועגען כשר פלייש, איז מען אייך מודיע אז די השגחה קען נישט זיין ביי די יעצטיגע אומשטענדען און דעריבער מוז יעדער אליין זיך אפהיטען ווי וויט מעגליך ביז עס וועט ווערען א בעסערע ארדנונג.
ועד הרבנים
ועד הכשרות

ווינכטיג פאר סוחרים פון טריקא־וואָרג
איך בעזיץ שטענדיג אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל
מאיעסטיק־שטאף
געפארבט און איז רויהען צושטאנד אין יעדען קוואנטום.
ח. פאסמאן
שוו. יאקובא 8

SKŁAD MEBLOWY B-ci ORENBUCH
Piłsudskiego 50 pr. of. II w. I piętro.
WYKONUJEMY MEBLE STYLOWE i NOWOCZESNE według najnowszych projektów, gwarantujemy solidnem wykonaniem i długoletnią trwałość naszych mebli.


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס די ברידער יהושע און שמואל ווי אויך דער גאנצער פאמיליע, צוליב׳ן טויט פון זייער ברודער. מאן און פאטער
מאיר אורבאך נ״ע
זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך אבלי ציון וירושלים.
מאטיל ברזיטווא
ווארשא.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מיין מיטארבייטערין פרל. יהודית אוריזער צוליב׳ן טויט פון איהר אומפערגעסליכע
מוטער נ״ע
ח. האמער,
אינהאבער פון דער דרוקעריי פאלודניאווא 42

אונזער מיטארבייטערין פרל. יהודית אוריזער צוליב׳ן טויט פון איהר אומפערגעסליכע
מוטער נ״ע
דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען ביילייד.
דאס פערסאנאל
פון דער דרוקעריי ח. האמער
פאלודניאווא 42.

דעם 28. פעברואר ד. י. 11.30 פארמיטאג צו דער ערשטער שמערצליכער יאהרצייט פון אונזער פערוואלטונגס־מיטגליד נ״ע
ארקאדיוש הארשטיין
וועט פארקומען אין אונזער לאקאל פיעטריק. 90 א הזכרה, צו וועלכער אלע פעראיינס־מיטגלידער און מיטגלידינס ווערען געבעטען צו קומען.
ZARZĄD Stow. Wzajemnej Pomocy
„Ostatnia Wzajemna Posługa–
CHESED WEEMES“ w Łodzi.

# הומאר ● סאטירע ●

# דער קונדס

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 49 פרייטאג, דעם 26 פעברואר 1937

## „עד דלא ידע!"...



**בגילופנ'דיגער יוד (פורים נאך דער סעודה): אלע הייזער דרייען זיך**

**נאר מייז הויז זעהט מען נישט!...**

---

## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאג: פרקלערט מיר, פאניע שבת הגדול, פארוואס איז פורים א מצוה צו טרינקען ריינעם 95־ער ?

שבת הגדול: ווייל „המן" באטרעפט 95.

קורצער פרייטאג: און פארוואס האט מען באשטימט די לעצטע זיצונג פון סטאט־ראט אום פורים ?

שבת הגדול: צו ווייזן, אז די דאזיגע סטאט־ראט זיצונג וועט זיין א פורים שפיל...

קורצער פרייטאג: וואס איז אייגענטליך דער חילוק פון היטלערן ביז המנען ?

שבת הגדול: דער חילוק איז, וואס המן האט געפיהרט דעם פערד און היטלער איז דערווייל אויפן פערד.

---

## א מיטאג פון זעקס גענג.
### באלוטער שמועסן

1־טע שכנ'טע: וואס פאר א מיטאג האבען זי היינט געהאט ?

2־טע שכנטע: איך האב היינט געהאט א מיטאג פון 6 גענג.

1־טע שכנטע: ???

2־טע שכנטע: 6 מאל בין איך היינט געווען אין דער אומזיסטער קוך ביז איך האב געקריגען א מיטאג.

קאפריזנער.

## א דראבנער סוחר

— ווי גייט איהר דא ?

— כ'גיי מיך איינשרייבען צווישען די דראבנע קופצעס.

— סטייטש, איהר האנדעלט דאך גאר מיט ציינעל ?

— יא, אבער איך וועג דאך 48 קילא.

## היינטיגע איידעמס.

— וואס איז אייער נייער איידעם ?

— ער איז א מאכער.

— ?

— ער האלט אין איין מאכען חובות.

## צווישען בטלנים.

— ווייסט. משה, דער פלאן צו שיקען פוילישע יודען אין די קאלאניעס פון שווארצע מענשען איז א גאנץ גלייכע זאך.

— מיט וואס איז דאס אזוי גלייך ?

— מיר זענען דאך איבריג פארשווארצט.

קאפריזנער.

## זאלען זיי ווארטען

היטלער זוכט פעטע קאלאניעס.

דערפאר עסען די דייטשען דערווייל נישט קיין פלייש.

## א טייערער וויץ

כ'האב געכטען געלייענט א וויץ אין א ווארשאווער צייטונג, האב איך א גאנצען טאג געקיכט פון געלעכטער. כ'וואלט נאך איצט אויך געלאכט, נאר כ'האב איהם פארגעסען.

---

## די נאבעל־פרעמיע

מ'זאגט אז, די נאבעל־פרעמיע פארן יאהר 1937 דארף באקומען נאר דער שטילער אקעאן.

## דאס קלוגע יאסעלע

אין חדר פרעגט דער רבי א יונגעלע:

— זאג מיר, יאסעלע צי וואס דארף א מענש האבען אויערען ?

— מ'זאל קענען זעהן.

— שוטה, מיט אויערען זעהט מען ?

— ניין, רבי, ווען נישט די אויערען וואלט דאך ס'היטעל אריבערגעפאלען איבער די אויגען.

## יודען — אויף לינקס . . .

פאליציאנט (צו א יודישען דראזשקאזש): העי, פאניע, פארוואס פאהרט איהר אויף לינקס ?

דראזשקאזש: כ'וויל נישט האבען צו טון מיט די ענדעקעס!...

## ס'איז איהם נעבעך היים . . .

א יוד צום צווייטען:

— ר' גאדעל, וואס גייט איהר עפעס אין א פראכט אין בלוידען כאלאטעל ?

— כ'גיי איצט פון אוזשאנד. נו קענט איהר אויך פארשטעלען ווי היים מיר איז דארט געווארען.

## אן עצה

— משה, גייסט היינט הערען דעם חזן?

— עי, כ'בין טויב אויף אן אויער.

— דאס מאכט נישט אויס; פארשטאפ דיר ס'צווייטע אויער מיט וואטע.

## דער אין הימעל.

ארימאן (צו א גביר): כ'וואלט געוואלט ווי־סען וויפיל געלד איהר האט דעפאנירט אין הימעל.

גביר: וואס הייסט ?

ארימאן: ווייל ווען איך בעט ביי אייך א נדבה ענטפערט איהר: „דער אין הימעל זאל אייך העלפען"...

## א באקסער.

מוטער (צום זוהן א באקסער): שמואל'שי, וואס זעהסטו היינט אזוי שלעכט אויס ?

זוהן: ס'האט זיך מיר די נאכט געחלומט, אז כ'האב מיך געבאקסט מיט ראטהאלצן און ער האט מיך פיר מאל געשיקט אויף די ברעטער.

## אויך א קאנדידאט.

מוטער (צו דער טאכטער): נו, אנקא, דו האסט עפעס באקומען ענטפערען אויף דיין הייראטס־אנאנסע אין דער צייטונג ?

טאכטער: יא, ס'איז געשעהן א שטיקעלע מיספערשטענדניש.

מוטער: וואס ?

טאכטער: איינער פון די קאנדידאטען איז גע־ווען דער טאטעשי.

## צווישען יונגע בעל־הבית'טעס

— ווי געפעלט דיר מיין יונג ווייבעל?

— הם... דעם אמת זאגענדיג...

— כ'ווייס שוין וואס דו ווילסט זאגען, אבער דערפאר האט זי א טייערע נשמה.

— כ'גלויב דיר, אבער פארוואס איז די שיינע נשמה פארפאקט אין אזא מיאוס'ע פאקונג ?

---

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: וואס איז מיט דיין ווייב, כיהאב זי שוין א צייט לאנג נישט געזעהן ?

טרייטעל: זי האט אדורכגעמאכט א הארציגע גריפע.

פייטעל: וואס הייסט א הארציגע גריפע ?

טרייטעל: זי האט זיך איהר געווארפען אויפן הארץ.

---

## די בארד טוט זיך דאס איהריגע

מענדעל און זיין ווייבעל מאלטשע, האבען זיך געגרייט אויף א פורים־באל, דאס ווייבעל ווערט נישט פארטיג מיט דער טואלעט, ענדליך נאך עטליכע שעה קומט זי אריין:

— שוין, איך בין שוין פארטיג.

— איצט ווארט צו אביסעל, כ'מוז מיך נאך א־מאל ראזירען — האט דער מאן געענטפערט.

## שוין איינמאל אן אשת חיל !...

אויף נאוואמיעיסקא גאס טרעפען זיך צוזאמען צוויי פשיאטשעלעס, זאגט איינער:

— זעה נאר, הענעך, ווי דו זעהסט אויס! ס'־גאנצע פנים איז ביי דיר צעקראצט און צעבלוטן. די אויגען אונטערגעהאקט, אויפן קאפ האסטו א בייל ווי א מאנדארינקע! אפשר זאל איך דיך אפפיהרען א היים ?

— בהמה, איך קום דאך איצט פון דער היים!

## וואס א גביר קאן אלץ איינפאלען!

צו א היגען פילאנטראפ קומען אריין צוויי ארימע לייט בעטען אונטערשטיצונג. דער גביר קוקט אויף זייערע נישט איבעריג ריינע קלייער פון די העמדער און זאגט:

— אויב איהר ווילט באקומען שטיצע, מוזט איהר פריהער ביידע טוישען די וועש.

ארויסגעהענדיג, זאגט איינער:

— כ'פארשטיי נישט וואס וועט ער האבען דער פון, אז איך וועל אנטון דיין העמד און דו מיינס?

## א טרויפליכער ענטפער

שיינע פרוי (צו איהר מיאוסען מאן): זאג מיר, מיין מאן, פארוואס היראט איבעריג א שיינע פרוי א מיאוס'ען מאן ?

מאן: כדי צו פאראייניגען שיינקייט מיט פער־שטאנד.

## פערענטפערט די קשיא

אמאל זענען געווען פיל פריזיערקעס און וויניג ציין־דאקטוירים, און היינט פארקעהרט — פארוואס איז דאס ?

ווייל אמאל האבען די ווייבער געטראגען שייטלען (פרעמדע האר) און געהאט אייגענע ציין, היינט טראגען זיי אייגענע האר און פרעמדע ציין.

## זי זוכט געזעלשאפט.

— זאג מיר, פאלטשע פארוואס האסטו דיך גע־נט מיט דיין מאן ?

— ווייל ס'איז מיר מיאוס געווארען די איינ־זאמקייט.

1877 — 60 — 1937

לרגלי יובל השישים של נשיא הועד שלנו ואחד המיסדים של בית המחסה לילדים עברים והחוה בהלנובק ה״ה

# מרדכי חיים רומקאווסקי

אנו מברכים אותו באריכת ימים ושנים שנות נחת ובריאות ובעבודה פוריה לטובת מוסדנו ויזכה לראות בגאולת עמנו השלמה על אדמת ציון וירושלים.

**הועד של בית המחסה לילדים עברים והחוה בהלנובק**

---

ברכות מאליפות לעסקן הציוני והצבורי הנכבד, חבר הועד של ההסתדרות הציונית בלודז,

# מר מרדכי חיים רומקובסקי

למלאת 60 שנה להולדתו.

אחולינו שימשיך עוד שנים רבות את עבודתו הלאומית הפוריה ויזכה לחוג חגים בארץ־ישראל הבנויה. —

ועד ההסתדרות הציונית קרן הקימת לישראל
קרן־היסוד בית־הכנסת „אהל־יעקב"

---

לחברנו הותיק וחבר לשלטון הקהלה העברית בלודז

מר

# מרדכי חיים רומקאווסקי

ליום מלאת ששים שנה — אחולינו הלבביים. יזכה לראות בהגשמת רעיונותיו שבעדם הוא מקדיש את כוחו ומרצו.

הפרקציה הציונית ע״י הקהלה העברית בלודז

---

דעם אונערמידליכען כלל־טוער

# מרדכי חיים רומקאווסקי

צו זיין 60־יעהריגען געבורטס־טאג־אונזערע הארציגסטע ב״כות

פארלאג

„נייער פאלקסבלאט"

---

אונזערע הארציגסטע פריינד דעם בן ששים

# מרדכי חיים רומקאווסקי

און זיין חשובע לעבענס־באגלייטערין

די הארציגסטע ברכות.

פ. גערשאווסקי
און פרוי

---

אונזערע פריינד

# מרדכי חיים און יוטע רומקאווסקי

צום 60־יאהריגען געבורטס־טאג פון׳ם אונערמידליכען געזעלשאפטליכען עסקן די הארציגסטע וואונשען.

ש. רייכמאן
און פרוי.

---

דעם אב היתומים, דעם קאנסעקווענטען כלל־טוער

# מרדכי חיים רומקאווסקי

צו זיין אלט ווערען 60 יאהר,

ווינש איך איהם און זיין געשעצטער פרוי אריכת ימים און כל טוב.

נ. מאזא.

---

אונזערע אלטע פריינט

# מ. ח. רומקאווסקי

און פרוי

צו דער שמחה פון 60־יעהריגען געבורטס־טאג פון

# מרדכי חיים׳ן

די בעסטע וואונשען און א לאנג גליקליך לעבען.

מ. סאפיר און פרוי.

---

דעם נאציאנאלען עסקן, דעם מענשען מיט א ווארים הארץ פאר יעדער יודישער צרה, דעם יתומים־פארזארגער

# מרדכי חיים רומקאווסקי

צו זיין 60־טען געבורטס־טאג

ווינש איך איהם און זיין פרוי כח און יאהרען צו ווייטערדיגער ארבייט

י. פיקעלני.

---

אונזערע פריינד

# מרדכי חיים רומקאווסקי און פרוי

ביי דער געלעגענהייט פון

60־יעהריגען יובל

די הארציגסטע ברכות.

פייטעל לאנדא און פרוי.

---

# מרדכי חיים רומקאווסקי

60 יאהר אלט.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט דעם חתן היובל און זיין פרוי פיל גליק, פרייד און גוטס, כדי ער זאל קענען זיין גרויסע טעטיגקייט ווייטער פיהרען.

ש. שפייזהענדלער און פרוי.

---

דעם עסקן און אב היתומים

# מרדכי חיים רומקאווסקי

צו זיין 60־יעהריגען געבורטסטאג

די בעסטע ברכות פאר איהם און זיין חשובע פרוי.

ד. ראבינאוויטש.

1937 60 1877

מיין הערצינסטען פריינט, מיין חבר

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

דעם וועקער און מאַהנער צו געזעלשאַפטליכער אַרבייט ביי דער געלעגענהייט פון זיין גרויסער שמחה די וואַרימסטע ברכות

## א. פּיאַסקאָווסקי.

---

צום 60־יעהריגען געבורסטאָג פון

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

שיק איך די הערציגסטע ברכות פאַר איהם און פאַר זיין פרוי.

## ה. פריימאַן.

---

# מרדכי חיים און יוטע
# רומקאָווסקי

צו אייער גרויסען יום־טוב
צוליב'ן 60־טען געבורטס־טאָג פון אב היתומים

ווינשען מיר אריכת ימים און רב הצלחה.

## י. פאַגעל און פרוי.

---

דעם יונגען בן שישים מיין פריינד

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

צו זיין גרויסער שמחה די הערציגסטע ברכות פאַר איהם און זיין פרוי.

## י. גרייצער.

---

צום 60־יעהריגען געבורטס־טאָג פון דעם געזעלשאַפטליכען עסקן און נאַציאָנאַלען יגד

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

די הערציגסטע ברכות פאַר איהם און זיין פרוי.

## שמואל קופּפער.

---

מיינע אינטימע פריינד

# מ. ח. רומקאָווסקי
# און פרוי

צו דער געלעגענהייט פון 60־טען געבורטסטאָג פון דעם מוסטערהאַפטען און עהרליכען עסקן – ווינש איך נאָך א לאַנג און גליקליך צוזאַמענלעבען.

## ה. ראָזשינסקי.

---

מיליבע פריינד

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי און פרוי

## די הארציגסטע ברכות צום 60־טען געבורטס־טאָג.

## הענעך שעראַדזקי.

---

מיין חבר און פריינד דעם באַשיצער פון יתומים

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

## צו זיין 60־יעהריגען געבורטסטאָג

די וואַרימסטע ברכות.

## ה. פּאַפּאָווסקי.

---

לרגלי יובל־הששים של נשיא־הועד של בית־המחסה לילדים עברים והחוה בהלגובק, איש־הלב, רב־הפעלים.

# מר מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

אנו מברכים אותו ואת רעיתו הכבודה בברכת־אריכות־ימים ושנים, שנים של בריות גופא ועושר והצלחה מרובה ועבודה ציבורית פוריה לטובת עמנו!

## חבר־המורים והעובדים
של בית־המחסה לילדים עברים והחוה בהלגובק

---

מיין חשוב'ן פריינד, דעם עסקן און אב היתומים

# מרדכי חיים
# רומקאָווסקי

צו זיין 60־טען געבורטס־טאָג ווינשט נאָך לאַנגע, לאַנגע טעטיגע יאָהרען.

## מ. דאַרגוזשאַנסקי.

---

# רדכי חיים רומקאָווסקי
# דער כלל־טוער

אָס וואָרט כלל־טוער איז געוואָרן זעהר באַ... דער טיטול איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו מענ... וועלכע האָבן למעשה נישט קיין קוואַליפיקאַ... דערפאַר און דינען נישט פאַראַנטוואָרטליך, או... מעשים וועלען זיך דעקן מיט דעם אינהאַלט ...וואָרט. און זעלטענווייז, קען מען דער איצטיגער ..., ביי די איצטיגע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען ...באַדינגונגען, געפינען א כלל־טוער, וואָס זאָל ...ליך און געוויסנהאַפט פאַרדינען זיין נאָמען.

...אַר א כלל־טוער האַלטען מיר דעם, וועלכער ...פט אונטער זיינע פערזענליכע אינטערעסען אונ... די אינטערעסען פון כלל און נישט פון באַנצאָן ...נער פון כלל אונטערדריקטע און ליידענדע, הונ... ...טע און שמאַכטענדע אונטער די אינטערעסען ...די, וועלכע זעהען אומבאַהאָלפען. קענען זיך ...טשטענדיג קיין עצה נישט געבען און זוכען ...ביי דער געזעלשאַפט, בער פאַרמיטלער צוויי...

שען אָט די אומגליקליכע מיט דער געזעלשאַפט, דער קאָנסעקווענטער און אונטערמידעטער אַרבייטער אויף ד.ם געביט — שאַפט דעם טיפּ פון אויפריכטיגען כלל־טוער.

ביי אונז יודען איז דער באַגריף אויסגעקרומט און פאַרקריפּעלט געוואָרן. דער מאָדערנער טיפּ פון אַזוי־גערופענע „כלל־טוער" האָבן נישט דעם בית דאָס פערזענליכע לעבן אונטערצוואַרפען דעם כלל.

די האַזיגע חעפלעקסיעס שווימען אַרויס, ווען מיר פייערן ביים היינטיגען טאָג דעם 60־יעהריגען געבורטס־טאָג פון איינעם פון די אויפריכטיגסטע און עהרליכסטע לאָדזשער יודישע כלל־טוער מרדכי חיים רומקאָווסקי.

רומקאָווסקיס גרויער קאָפּ שטאַמט נישט פון זיי־נע אייגענע יאָהרען, אַדער נאָר פון צופיל פאַרגעניגען. רומקאָווסקיס גרויער קאָפּ שטאַמט פון דער זאָרג פאַר „זיינע" הונדערטער קינדער, פאַר די אומגליקליכסטע פון די אומגליקליכע, פאַר די עלענדע יודישע יתומים־קינדער:

מיר וואָלטען געקענט אויסרעכענען א לאַנגען צעטעל פון די אונצעהליגע יודישע פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וואו רומקאָוו־סקי איז געווען אָדער איז טעטיג. אָבער דאָס איז נאָר ביי רומקאָווסקין, אגב אורחא, זיין הויפּט־ציל. די אידעע־פיקס, אויב מ'קאָן דאָס אַזוי אָנרופען, איז די אַרבייט פאַר יודישע יתומים, און דאָס אויף דעם געביט וועט זיך קיינער נישט שטעלען, כדי זיך צו פאַרמעסטען מיט איהם. מיר באַריהרען נישט די טעאָרעטישע, אָדער פּעדאַגאָגישע ליסטונגען אויף דעם געביט. מיר באַטאָנען קודם כל דאָס סאַמע וויכ־טיגסטע, דאָס ראַטעווען פון הונגער־טויט, דאָס אַראָפּנעהמען פון גאַס, דאָס געפינען א תכלית פאַר דעם עלענדען יודישען פאַר'יתומ'טען קינד, רומ־קאָווסקיס ליסטונגען אויף דעם געביט, דאָס איז איינע פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכ־טע פון דעם יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען אין לאָדז. ס'זיינען געווען יתומים – הייזער נאָך איידער רומקאָווסקי איז געווען אין לאָדז, אָדער אָנגעהויבען מיט זיי צו פאַרן. אָבער קיין מאַמע פאַר די יתומים־קינדער, איז תמיד, ווי ... צו זיין נאָך ...

האָבען די יתומים ביז דאַמאָלס נישט געהאַט. ערשט רומקאָווסקי איז געווען דער, וועלכער איז געוואָרן דער טאַטע פון די הונדערטער קינדער; פריהער פאַר־זעהען זיי די קליינטשיקע זיינע און נאָכדעם ערשט זיין „געבען־געשעפט" אויף פעטריקאָווער גאַס. רומ־קאָווסקי איז פון דעם טיפּ כלל־טוער, וועלכער רופט אַרויס די גרעסטע אַכטונג מיט זיין ענערגיע, אויפ־ריכטיגקייט און עהרליכקייט. מיט זיין מוט צו זאָגען יעדען דעם אמת אין די אויגען און געהן קאָנסעק־ווענט אויף דעם וועג, וועלכען ער האָט זיך אָנגע־צייכענט.

ווער קען נישט היינט דעם פּרעכטיגען אויפבוי פון רומקאָווסקי דורך גרינדען, פירען און אַנטוויקלען דעם אינטערנאַט פון לאַנדווירטשאַפטליכע שולע אין „העלענובעק", דאָס וואַרפט א בליק פון דעם פאַר־עלטערטען פילאַנטראָפּישען ביז דעם מאָדערן־גע־זעלשאַפטליכען, דאָס איז דער הויפּט פאַרדינסט פון רומקאָווסקי אויפן געביט פון זיין טעטיגקייט פאַר די יתומים. דאָס איז דער פועל־יוצא פון דער גרויסער ליבשאַפט פון הונדערטער יתומים־קינדער צו זייער טאַטע, פון דער דאַנקבאַרקייט פון דער יודישער גע־זעלשאַפט פאַר זיין אַרבייט, פון דעם נאָכפאָלגען פון די יונגע כלל־טוער און זיינע דרכים.

